# THE SHEPHERD OF ISRAEL

ENGLISH DEPARTMENT

Vol. XIV No. 5 | 50 CENTS A YEAR | JANUARY, 1932

## WHOSOEVER WILL

There is no Christian nation. There never was a Christian nation. When you hear someone using that expression you may be sure that that person either is ignorant, or wilfully blind. Christianity is a personal proposition. You are a Christian only if you choose to be; you are not a Christian if you choose not to be. The Lord Jesus Christ is the foundation on which all Christianity rests. He was and is an individual, God in the flesh, and always His appeals were, "follow me." He never appealed to Rome as a nation to follow Him; He never appealed to the Jews as a nation to follow Him. His appeals were to the individual. He sat one day by a well in Samaria and talked to a lone woman, and among some of the wonderful things that He said to her were the following astonishing words:

> "Whosoever drinketh of this water shall thirst again: But whosoever drinketh of the water that I shall give him shall never thirst; but the water that I shall give him shall be in him a well of water springing up into everlasting life." John 4:13, 14

And one day a great man among the Jews, a ruler, whose name was Nicodemus, came to see the Lord Jesus Christ. This Jewish leader was like some of the Jews today who are afraid to come into a Mission meeting, for Nicodemus also was afraid that some of the Jews might see him talking to the Lord Jesus Christ. And so he came late at night, in the dark. To him the Lord Jesus Christ said some baffling things, and then asked, "Art thou a master of Israel, and knowest not these things?"

The statement which the Lord Jesus Christ made to Nicodemus which he could not comprehend, was contained in the simple sentence:

"YE MUST BE BORN AGAIN"

And then the Lord Jesus Christ went on further and said to Nicodemus:

> "And as Moses lifted up the serpent in the wilderness, even so must the Son of man be lifted up: That whosoever believeth in him should not perish, but have eternal life. For God so loved the world, that He gave his only begotten Son, that whosoever believeth in Him should not perish, but have everlasting life." John 3:14-18

Now we want especially to stress the words of the Lord Jesus Christ who as we told you before is the very foundation of true Christianity: "Whosoever believeth in Him should not perish but have everlasting life."

A nation cannot believe in the Lord Jesus Christ because a nation cannot think nationally. A nation is composed of many thousands or millions of individuals, and each individual must do his own thinking and decide for himself whether or not he shall believe in the Lord Jesus Christ and thus become a Christian. This you see is very individualistic, and refers to you, the very person who is reading these lines this moment, for you are one of the WHOSOEVERS. It is in your power, for God has made you a free moral agent, to say yes or to say no to the Lord Jesus Christ.

When Russia as a nation massacred the Jews, that was the finest proof of what we are talking about in this article, that a nation cannot possibly be a Christian nation. Russia killed many thousands of Jews; but in Russia there have always lived thousands of individual Christians, who had for the Jews only love and compassion. Again, a nation goes to war, and as a nation it kills out many thousands of innocent soldiers; here again you have the proof that a nation cannot be Christian, for if it were Christian it could not possibly engage in a war. At the same time however, when a given nation, say America, is at war with some other nation, there are many thousands of individuals in America who are real Christians and in whose hearts there is only love, and there is unbounded grief because the nation has gone to war.

In a recently issued magazine entitled "The Current Jewish Record" there is a quotation from Norman Thomas, a Socalist leader, which reads as follows:

> "'It is the greatest irony in history that the most militaristic and acquisitive nations in the world should have chosen a pacifist Jewish peasant not only as their prophet but as their God.' So a thoughtful Jewish judge told me thirteen years ago when we were discussing the fact of conscientious objectors in the World War."

Here again we have an expression of ignorance on the part of the "thoughtful" Jewish judge, for as a matter of fact no nation in the world ever chose the Lord Jesus Christ as the One they would follow. If such a nation had done this it could never have gone to war.

So again we come back to the fundamental truths of the teaching of the Lord Jesus Christ, that "Whosoever will" can become a true Christian and a true follower of the Lord Jesus Christ.

The important thing for you, dear reader, is to decide whether you will be one of those "Whosoever wills": for there is coming a day when the door will be shut, and it will be too late. When that time comes God has promised that He would bring upon the world frightful judgments; it will then be no more "Whosoever will," but there will be such suffering and such tribulation, as the world never saw. Do you not want to escape these terrible consequences of your refusal to believe in the Lord Jesus Christ? You can do so if you really want to, for the promise of the Lord Jesus Christ still is "Whosoever believeth on him, hath eternal life."

---

## OUR HEADQUARTERS



**BETH SAR SHALOM**

**Throop Avenue and Walton St.**

**Brooklyn, N. Y.**

---

## A DRINK FROM THE FOUNTAIN

> "Whosoever drinketh of the water that I shall give him shall never thirst; but the water that I shall give him shall be in him a well of water springing up into everlasting life." John 4:14

Then shall the kingdom of heaven be likened unto ten virgins, which took their lamps, and went forth to meet the bridegroom. And five of them were wise, and five were foolish. They that were foolish took their lamps, and took no oil with them: But the wise took oil in their vessels with their lamps. While the bridegroom tarried, they all slumbered and slept. And at midnight there was a cry made, Behold, the bridegroom cometh; go ye out to meet him. Then all those virgins arose, and trimmed their lamps. And the foolish said unto the wise, Give us of your oil; for our lamps are gone out. But the wise answered, saying, Not so; lest there be not enough for us and you: but go ye rather to them that sell, and buy for yourselves. And while they went to buy, the bridegroom came; and they that were ready went in with him to the marriage: and the door was shut. Afterward came also the other virgins, saying, Lord, Lord, open to us. But he answered and said, Verily I say unto you, I know you not. Watch therefore; for ye know neither the day nor the hour wherein the Son of man cometh. Matthew 25:1-13.

40 CTS. WORTH FOR 25 CTS.

Send us 25c. in coin or Stamps and we will mail you a 40c New Testament in Hebrew, Yiddish or English.

Address:
THE SHEPHERD OF ISRAEL
27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.

Published Monthly, except bi-monthly during July and August by the Williamsburg Mission to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.

## QUESTIONS AND ANSWERS

Readers are invited to send questions for this Column. Your question should be signed, but in no case will your name be made public; it will be kept in confidence, as evidence of your good faith.

Question 14. If what you say is true, and we Jews are lost without Christ, then why do not our Rabbis tell us? Certainly our souls are of such tremendous importance that they should warn us, and teach us the truth.

Answer. You have hit upon one of the chief misfortunes of our nation. We have been afflicted with false leaders, ever since the day when Aaron made the golden calf, and down to this very hour. These leaders, or you may call them prophets, or rabbis, have too often sought not the good of our Jewish nation, but their own personal honor. All through the history of our forefathers, God complains bitterly of the selfishness and falseness of our leaders. Just think how it must have hurt the heart of God when He was compelled to utter words like these:

"Then the Lord said unto me, The prophets prophesy lies in my name: I sent them not, neither have I commanded them, neither spake unto them: they prophesy unto you a false vision and divination, and a thing of nought, and the deceit of their heart." Jere. 14:14

Then look again at the stinging and shameful condemnation that God placed upon our false leaders in the days of Ezekiel.

"Woe be to the shepherds of Israel that do feed themselves! should not the shepherds feed the flocks? Ye eat the fat, and ye clothe you with the wool, ye kill them that are fed; but ye feed not the flock. And they were scattered, because there is no shepherd: and they became meat to all the beasts of the field, when they were scattered." Jeremiah 34:2, 3, 5, 9, 10.

Then when our Lord Jesus Christ came to earth, our leaders once more turned their back on Him whom God had sent. The great mass of our people, the multitudes, loved Jesus and followed Him wherever He went, but the Scribes, the Rabbis, the Pharisees, these men hated Jesus and wanted many times to kill him. The reason of course was that these Jewish Bosses wanted honor for themselves, and the Lord Jesus Christ understood that, and tore away their mask of hypocrisy by saying:

"How can ye believe, which receive honour one of another, and seek not the honour that cometh from God only?" John 5:44.

So, you see, dear reader, that it is not safe for us to follow the rabbis; God will require from each one of us a personal account for what we have done here in the body on this earth, and when He does, no rabbi will help you.

שיקט אונז 25 סענט אין סטעמפס וועלען
מיר אייך שיקען א נייעם טעסטאמענט
אין אידיש, ענגליש אדער העברעאיש.
דאס וועט אייך די אויגען עפענען.

אדרעס:
27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.

## OUR MISSIONS

**You can learn more fully about the Lord Jesus Christ, and secure additional copies of The Shepherd of Israel, as well as other interesting tracts and books, if you will inquire at any of our Stations, which are located as follows:**

**BROOKLYN, N. Y.**
BETH SAR SHALOM
27 THROOP AVE., COR. WALTON ST.

**PHILADELPHIA, PA.**
BETH SAR SHALOM
535 SPRUCE STREET

**ATLANTIC CITY, N. J.**
BETH SAR SHALOM
2603 PACIFIC AVENUE

**PITTSBURGH, PA.**
BETH SAR SHALOM
1861 ROSE STREET

**DETROIT, MICHIGAN**
BETH SAR SHALOM
7709 OAKLAND AVE. AT CLAY

---

## אונזערע מיסיאנען:

**איהר קאנט מעהר לערנען וועגען דעם אמת אין ישוע המשיח ווי אויך בעקומען פארשידענע טראקטאטען און ביכער, ווען איהר וועט באזוכען אדער שרייבען צו אונזערע פאלגענדע מיסיאנען:**

ברוקלין, נ. י.
בית שר שלום
27 טרופ עוועניו

פילאדעלפיא, פא.
בית שר שלום
535 ספרוס סטריט

אטלאנטיק סיטי
בית שר שלום
2603 פאסיפיק עוועניו

פיטסבורג, פא.
בית שר שלום
1861 ראוז סטריט

דעטראיט, מישיגען
בית שר שלום
7709 אוקלענד עווע., ביי קלעי

בען די וואונדען אנגעהויבען זיך צו בעסערען, פון טאג צו טאג איז ער מונטערער און געזינטער געווארען ביז ער איז שפעטער לחלוטין געזונד געווארען אהן שום אפעראציעס.

אט יענע הארציגע תפילה, בשם ישוע המשיח, וואס יענע צוויי טייערע קריסטען האבען דארט דאמאלס מתפלל געווען האט א גרויסען רושם געמאכט אויף אונזער גרויסען איד. יענע אלטע פראגע וואס זיין אמאליגער רבי האט נישט געקאנט ענטפערען איז איהם שוין נישט קשה געווען. ער האט שוין ערפאהרען ווער דער „בר אלהין" איז, נעמליך, ישוע המשיח, ווייל וואו ע ר איז קאן אפילו קיין פייער קיין שליטה ניט האבען, והא ראיה, אונזער גרויסער איד גופא איז דאך אויך דורך דעם בן אלהים, ישוע המשיח, גערעטעט געווארען פון די געפעהרליכע פייער־וואונדען וואס וואלט געמיינט מי יודע וואס.

נאך דעם ווי ער האט באקומען א רפואת הגוף האט ער זיך גענומען אויסטשוכען די אויגען און שטודירען דאס בריליאנטענע ברית חדשה דורך וועלכען עס האט איהם ערשט אויפגעשיינט דאס „אור הגנוז מששת ימי בראשית" און ער איז געווארען א מאמין בישוע המשיח בלב ונפש, און אזוי נאך האט ער דאמאלס באקומעןביידע, אי א רפואת הנפש און אי א רפואת הגוף, אלץ נור ווייל דער „בר אלהין" איז דארט געווען.

ווי איהר זעהט אונזער גרויסען איד דא אויפ'ן בילד, איז ער דאך נישט מעהר קיין יונגער מאן און דאך הערט ער נישט אויף צו רעדען און צו דרש'ענען ישוע המשיח צו אידען, זאל עס זיין מי שיהיה, ווייל יעדער איד געהט דאך דורך דעם פייער־אויוועך אויף דיעזער וועלט — איינער אין שפאניען, אן אנדערער אין פוילען, און ווידער אנדערע אין עמלק־לאנד און אלע ברויכען דעם „בר אלהין", זיי אלעמען פון פייער צו רעטען. בפרט נאך פון דעם שרעקליכען פייער וואס וועט אמאל ברענען צוליעב די זינד וואס דער מענש אין אלגעמיין באגעהט. עס איז אן אלטער אמת: „והוא מחלל מפשעינו מדכא מעונותינו מוסר שלומנו עליו ובחברתו נרפא לנו" (ישעיה נ"ג), ד. ה., ער, ישוע המשיח, איז פארוואונדעט געווארען פאר אונזערע זינד . . . און דורך זיינע וואונדען זענען מיר געהיילט. ווער וויל גלויבען?

---

אונזערע טראקטאטן
פערלאנגט

1) לשני בתי ישראל.
2) קול קורא.
3) דאס רעטעניש.
4) קין און הבל.
5) מה שמו ומה שם בנו.
6) הנה העלמה.
7) יכרת משיח.
8) ויכוח.

### מיר לאדענען אייך איין צו אונזערע פערזאמלונגען.

איהר זענט דאך א איד, טא ווארום זאלט איהר ניט וויסען ווער דער אידישער משיח איז? קומט צו אונזערע פערזאמלונגען פרייטאג און מאנטאג, 8 אוהר אבענד, וועלען מיר דאס אייך ערקלערען.

ליגקייט?

אידען מאכען אזא גרויסען געפילדער וועגען אביסעל „שמות“ פון „איזהו מקומן“ אדער פון „לאנגען והוא רחום“ וואס האבען זיך געוואלגערט אונטער די פיס און רופען דאס אן „חילול השם“ און מ׳האט דאס געמוזט מקבר זיין אין ערדענע טעפלעך, און דא פארווארפען אידען אזאלכע הייליגע „שמות“ פון די הייליגע נביאים מכח דעם הייליגען משיח וואס הייסט ממש מיט די פיס געטרעטען און אלעם איז שא, שטיל.

קאן מען דען פארלייקענען דעם טרויעריגען פאקט, אז נאך עד היום פארלייקענען און פארווארפען אידען — איהם, דעם קדוש ישראל, און האבען זייער הייליג אייגענטום אוועקגעגעבען צו פרעמדע!

אידען, אונזער גרעסטע טראגעדיע איז, וואס „נחלתנו נהפכה לזרים“! יענע זיינען גליקליך מיט ישוע המשיח וואס איז געווען אונזער בלוט און פלייש און מיר אידען זיינען זייט דאמאלס געווארען צרה׳דיגע וואנדערער, האלטען אין איין זאגען קינות און האלטען אן פראטעסט מיטינגען וואס עס העלפט אונז ווי א טויטען באנקעס.

עס פרעגט זיך אבער דא, וואו איז די חכמה, וואס אידען ווילען בעסער ליידען אלס זיך אונטערצוגעבען און איינמאל פאר אלע מאל אויסבעסערען זייער טעות און געהאלפען ווערען דורך זיינע ליידען און דורך זיין טויט? וואו איז די חכמה? פרעגען מיר.

נישט בחנם באקלאגט זיך גאט ב״ה אין ישעיה כ״ט, אז, „ואבדה חכמת חכמיו ובינת נבניו תסתתר“. און דאך האלטען זיך די אידישע רעדעלפיהרער אזוי בגדול׳דיג מיט זייערע חוצפה׳דיגע ארטיקלען געגען ישוע המשיח און געגען די מיסיאנערען אווי דאס וואלט געווען די גרעסטע חכמה פון אלע שבע חכמות אין דער וועלט, מלחמה צו פיהרען „על ד׳ ועל משיחו“. האבען זיי עפעס אן אנדער מיטעל, וואס קאן העלפען דעם כלל ישראל?

ניין, גארנישט האט אונז ביז איצט געהאלפען און גארנישט וועט אונז העלפען ביז מיר וועלען אונזער טעות גוט מאכען און צוריק באקומען אונזער הייליגעס אייגענטום. „ער, דער משיח, איז געקומען צו זיינע אייגענע אבער די אייגענע האבען איהם נישט אנגענומען, אבער די וואס האבען איהם יא אנגענומען צו די האט ער געגעבען כח צו ווערען קינדער פון גאט ב״ה (יוחנן א׳, 11, 12).

ס׳איז כדאי צו זאגען, אז איצט זעהען טאקע אידען נישט זייער גרויסען נאציאנאלען טעות מיט דעם וואס זיי האבען ביז היינט פארווארפען ישוע המשיח, עס וועט אבער קומען א צייט „והביטו אלי את אשר דקרו“ (זכריה י״ב), ד. ה., אז אידען וועלען ארויפבליקען צו דעם, וואס איז צושטאכען געווארען. דאמאלס וועלען אידען איהם דערקענען אין די וואונדען וואס ער האט אמאל אין ירושלים באקומען אין זיינע הענד און פיס און אין דער זייט. אבער ביז דאמאלס וועלען אידען ליידער מוזען דורכגעהן א שרעקליכע „עת צרה“, ליידען און זעהר שווער ליידען פאר זייער טעות.

וואלט נישט געווען ראטהזאם אז אידען זאלען פון דיעזע עת צרה ניצול ווערען און שוין היינט איינזעהן דעם אמת אין ישוע המשיח וועלכער איז אונזער אייגענטום!

הלואי וואלסטו שוין לאנג מיין ברודער געווען!
דו האסט דאך געזויגען פון מיין מוטער׳ס ברוסט.
הלואי, ווען איך האב אויף דער גאס דיך דערזעהן,
וואלט איך דיר אנטקעגען געלאפען מיט לוסט!

הלואי וואלט איך דיר געקושט מיט גרויס פרייד,
און וואלט דיך געבראכט אין מיין מוטער׳ס הויז;
איך וואלט דאך געוויס ניט געוואוסט פון קיין לייד,
און וואלט פון דעם גלות געווען שוין לאנג לויז.

נור וועה! צו מיין אונגליק בין איך געווען בלינד,
מיין אויער איז מיר דאן געוועזען פארשטאפט,—
איך האב ניט פארשטאנען, אז דו ביזט גאט׳ס קינד,
און ס׳האבען דיך פרעמדע פון מיר אויסגעכאפט...

פרעמדע האבען גע׳ירש׳ענט מיין ירושה,
וואס האבען מיין פאטער קיינמאל ניט געקענט:
ווי א יתום פארטריבען פול בושה,
בין איך פון מיינע אייגענע ווענט.

צווישען פעלקער פארשאלטען און נמאס,
בלאנדזשע איך שוין צוויי טויזענט יאהר:
אין דער פינסטער, ווען אויף אלע אומות
לייכט זיין שיין אזוי העל, אזוי קלאהר.

אלע בענשען זיך נאר אין זיין נאמען,
און זיי פרעהט די ירושה פון מיר!
נאר איך נעבעך אברהם׳ס וואהרער זאמען,
האב קיין מינדעסט חלק אין איהר . . .

---

## גרויסע אידען.



מיר שטעלען דא דאס בילד און ביאגראפיע פון דעם גרויסען איד, פראפעסאר יהודה לייב אבראמאוויץ, וויקטאריא, ענגלאנד.

מר. אבראמאוויץ איז געבוירען און אויפגעצויגען געווארען אין ווילנא ביי זעהר פרומע עלטערן. ווען ער איז קוים אלט געווען פיער יאהר האבען זיינע עלטערן איהם שוין אנגעטהון אן „ארבע כנפות׳ל“, כדי איהם מחנך צו זיין מיט מצוות. ווען ער איז אביסעל עלטער געווארען האט ער אזאלכע געוואלטיגע פארטשריט געמאכט אין זיינע למודים אז מ׳האט זעהר אפט געמוזט אפילו אין מיטען זמן איהם געבען א „גרעסערען“ מלמד, ווייל דער פריהערדיגער איז שוין צו־קליין געווען פאר איהם. און דאך, אפילו די גרעסערע מלמדים האבען איהם אויך נישט געקאנט באפרידיגען צו ענטפערען זיינע פראגען.

בשעת דער רבי האט מיט איהם געלערנט א שטיקעל תנ״ד האט זיך אונזער יהודה לייב אנגעשלאגען אן דניאל ג׳, וואס דערציילט אונז פון די דריי גרויסע מענער, חנניה מישאל ועזריה, וועלכע מ׳האט אויף א באפעהל פון די רעגירונג אריינגעווארפען אין א פייער־אויווען און דאך האט דאס פייער צו זיי קיין שליטה ניט געהאט, ווייל — ווי מיר לעזען אין 25טען פסוק — איז דער „בר־אלהין“, דער זוהן פון גאט, דארט געווען. דא האט אונזער גרויסער איד דעם רבי׳ן א פרעג געגעבען: היתכן, האט דען גאט א זוהן? און ווען יא, טא ווער איז ער?

מיט א קנאק אין די ציין האט דער רבי נישט געקאנט דיעזע פראגע איהם פארענטפערען און די פראגע איז געבליבען פראגע, אזוי ווי ביי אסאך אנדערע אידען. וועלכע קאנען נישט פארשטעהן די מעגליכקייט אז גאט ב״ה האט א זוהן, א „בן־אלהים“. אי דניאל הנביא זאגט דאך אונז בפירוש פון א „בר אלהין“! און דער גרעסטער חכם, שלמה המלך, זאגט דאך אונז אויך עפעס וועגען א „בן אלהים“! אין משלי ל׳, 4, זאגט ער: „מי עלה שמים וירד . . . מה שמו ומה שם בנו כי תדע? אויך דוד המלך דערצעהלט אונז אין תהלים ב׳, אז דער משיח זאגט: ד׳ אמר אלי בני אתה . . . “! און דאך קוקען אידען אויף די אויביגע שטעלען ווי א הוהן אין בני אדם און זאגען מיט א סארקאסטישען שמייכעל: „לא“, מיט א גרויסער אלף. ביי אונזער גרויסען איד איז יענע פראגע וועגען א „בן אלהים“ נור געבליבען פאר א שטיקעל צייט.

שפעטער איז יהודה לייב געגאנגען אין דער סלאנימער ישיבה וואו ער איז געזעסען על התורה ועל העבודה, ביז ער האט באדארפט זיך שטעלען צום מיליטער. דאמאלס איז ער פליטה געלאפען נאך ענגלאנד, כדי ער זאל נישט דארפען ביים מיליטער מחלל שבת זיין און טרפות עסען.

דארט אין ענגלאנד האט אבער א פייער אויסגעבראכען אין יענעם הויז, וואו ער איז אייגעשטאנען און ער איז שטארק צוברענט געווארען, אז מ׳האט אין האספיטאל שוין געהאט באשלאסען איהם ביידע הענד ארפצונעהמען כדי זיין לעבען צו רעטען.

דארט אין האספיטאל איז אבער געווען א דאקטאר דיקשטיין, א זעהר נאבעלער קריסט, און זיין נוירס, מיסס מאריאט, א זעהר געטרייע קריסטין, און אט די צוויי האבען צוריקגעהאלטען דיעזע אפעראציע, ווייל זיי האבען געגלויבט אין די ווערטער פון ישוע המשיח וואס זאגט אין יוחנן י״ד: „אלעם וואס איהר וועט בעטען אין מיין נאמען וועל איך עס טהון“. זיי האבען שטארק מתפלל געווען בשם ישוע המשיח, אז אזוי ווי חנניה מישאל ועזריה זיינען דאמאלס דורך דעם „בר אלהין“ גערעטעט געווארען פון פייער, אזוי זאל דער זעלבער ישוע המשיח, דער „בן אלהים“, אויך היינט ציינען זיין גרויסען כח און היילען די פייער־וואונדען פון דעם חולה מסוכן און ער זאל נישט דארפען אפעריריט ווערען און פארלירען די הענד.

וואונדער איבער וואונדער! באלד דרויף הא־

# THE SHEPHERD OF ISRAEL

PUBLISHED MONTHLY TO GIVE ISRAEL A KNOWLEDGE OF THE TRUE SHEPHERD, THE MESSIAH

# רועה ישראל

א מאנאטליך בלאט צו ערקלעהרען צו ישראל דעם אמת'דינען משיח.

Vol. XIV. No. 3 — 50 CENTS A YEAR — JANUARY, 1932


## דאָס נייע יאָהר 1932

זיידער האבען זיך געלאזט די גלעקער הערען און האבען בקול רם פארקינדיגט ס'אנקומען פון א נייע יאהר. די עכא דערפון האט דורכגעדרונגען אלע עקען פון דער וועלט. אומעדום האט מען געפיהלט א יום-טוב'דיגע שטימונג. עס איז אן אינטער־נאציאנאלער יום־טוב. כמעט די גאנצע וועלט פרייהט זיך מיט זיין אנקומען און ווארט מיט גרויס האפנונג א גוטע ענדערונג וואס דאס נייע יאהר וועט מיט זיך מיטברייגנען. און נישט בחנם ווינשט זיך איינער דעם אנדערען „איי העפי ניו יעיר", ד. ה. א שנה טובה, ווייל העפינעס, פרעה־ליכקייט, האט א שטארקען שייכות מיט דעם קריסטליכען ראש השנה.

דא פרעגט זיך אבער, וואס איז גאר די כונה פון אט א דעם יום־טוב? פון וואנען האט ער זיך גענומען און פון ווען האט ער זיך אנגעהויבען?

אין ברית חדשה, לוקאס ב, 21, לעזען מיר, אז „ווען דאס קינד (ישוע) איז אלט געווארען אכט טאג האט מען איהם א נאמען געגעבען ישוע . . ." און אזוי ווי ער איז געבוירען געווארען אין דער נאכט פון 25טען דעצעמבער וואס די וועלט רופט קריסטמאס, איז זיין ברית במילא אויסגעקומען דעם ערשטען יענער, און טאקע דערפאר האט די וועלט דאמאלס אנגעהויבען א נייע צייט־רעכענונג — זייט עס איז געבוירען געווארען דער „הייליגסטער צווישען די מעכטיגסטע און דער מעכטיגסטער צווישען די הייליגסטע", און מיט גרויס יראת־הכבוד צייגט די וועלט אהין יעדען ערשטען יענער צו יענער עפאכע, ווען עס האט זיך אנגעהויבען א נייע לעבען מיט ישוע המשיח'ס ערשיינען.

און טאקע דערפאר האבען אויך אידען, יראים ושלמים, פון אלע צייטען זיך אזוי זעהר געפרעהט מיט זיין אנקומען.

אין לוקאס ב' לעזען מיר: אזוי באלד ווי דער צדיק ר' שמעון האט דאס קינד נור דערזעהן, האט ער עס אויף זיינע ארמס גענומען און מיט גרויס התלהבות און שמחה אויסגערופען: „כי ישועתך ראו עיני אשר הכינות לפני כל העמים אור להאיר לגוים וכבוד ישראל עמך". ד. ה. דיינע ישועה האבען מיינע אויגען געזעהן וואס דו א גאט האסט פארבערייט פאר אלע פעלקער, א ליכט צו לייכטען צו די פעלקער און א כבוד פאר דיין פאלק ישראל.

קאן דען נאך א גרעסערע פרייד זיין ווי צו זעהן די ישועת ישראל? ער האט געהייסען „ישוע" ווייל „כי הוא יושיע את עמו". דערפאר האט זיך אזא אמת'ער איד ווי ר' שמעון הצדיק געפרעהט מיט איהם. פרעהען זיך אויך אונזערע רבנים, רעדאקטארס און סתם אידען מיט איהם?

עס איז א מערקווירדיגע ערשיינונג וואס אונ־זערע אידישע פיהרער וואס זענען לחלוטין געגען ישוע המשיח און געגען אלעם וואס טראגט זיין חותם, דאך באנוצען זיי זיך יעדען ניו יעיר מיט דער אלגעמיינער קריסטליכער באגריסונג „איי הע־פי ניו יעיר" און זיי דאטירען זייערע בריעף און זייערע טשעקס און אלע דאקומענטען מיט דעם דאטום וואס האט זיך אנגעהויבען צו צעהלען דא־מאלס מיט ישוע המשיח'ס געבורט. יא, אפילו יענע אידישע רעדאקטארס, וואס שפייען מיט גאל א גאנץ יאהר אויף ישוע המשיח, ווען קיינמאל נישט פארפעהלען אויף זייער צייטונג ארויפצו־שטעלען דעם דאטום וואס באצייכענט דעם געבורט פון ישוע המשיח. ווי קאן מען יענע חברה גאר פארשטעהן! טעארעטיש פאראכטען זיי איהם, אבער אין דער פראקטיק באקענען זיי די גרויסקייט פון יענער נאבעלער פערזענליכקייט.

אמת, אידען האבען א באזונדערען ניו יעירס, א ראש השנה וואס געפאלט אין תשרי. א ראש השנה וואס גאט האט קיינמאל נישט געהייסען האלטען אלס ראש השנה (די תורה זאגט אונז אין שמות י"ב, אז ראש חודש ניסן איז דער ראש השנה). אבער וואסארא גוואלדיגער חילוק עס איז צווישען דעם קריסטליכען ראש השנה און צווישען דעם אידישען. די באדייטונג פון יום טוב איז: א גו־טער און פרעהליכער טאג. האט דאס דער איד אין זיין ראש השנה? עס איז דאך א טאג פון וויינען און פון טרויער!

דאגעגען אבער דער קריסטליכער ראש השנה וואס איז צום אנדענקען פון ישוע המשיח'ס גע־בורט, איז אן אמת'ער יו"ט פאר כל העולם כלו. מ'פרעהט זיך אהן א שיעור און אהן א ברעג. אזוי ווי ישוע המשיח האט אין פאראוים געזאגט אין יוחנן ט"ו, 11: לבעבור תהיה שמחתי עליכם ושמחתכם תמלא נפשכם". ד. ה. איך בין געקומען אנצופילען די מענשליכע הערצער און זייערע נשמות מיט שמחה.

דערפאר ווינשען מיר אלע אונזערע ווערטהע לעזער „איי העפי ניו יעיר", א ניי יאהר פון כל טוב אין ישוע המשיח.

מיר ווינשען אייך צום נייעם יאהר א נייע גע־בורט דורך דעם רוח הקודש אין משיח (יוחנן ג').

מיר ווינשען אייך א נייעם הערץ און א נייעם גייסט דורך אמונה אין משיח (יחזקאל י"א, 19).

מיר ווינשען אייך א נייעם נאמען דורך דעם משיח (ישעיה ס"ב, 2). דאס קאן יעדער האבען פריי ווען מ'גלויבט בלב ונפש, אין איהם, וואס איז אונזער ישועה, אונזער נחמה, אונזער גואל, אונזער פריינד. ער איז געווען אונזער קרבן וואס איז געשטארבען פאר די זינד פון דער גאנצער וועלט, ווייל „גאט האט די וועלט אזוי געליעבט אז ער האט געגעבען זיין איינגעבוירענעם זוהן, כדי אלע וואס גלויבען אין איהם זאלען נישט פארלוירען געהן, נייערט האבען דאס אייביגע לעבען" (יוחנן ג„ 16).

---

## פון אַ שוהל איז געוואָרען אַ קירכע.

א ידישע צייטונגען ברייגנען אונז א „טרויעריג" שטיקעל נייעס, בכן, א שוהל וואס האט אמאל געהערט צו אידען, וואו אידען האבען דארט געדא־ווענט און געלערנט, איז פארקויפט געווארען פאר א קירכע, און אויפ'ן ארט פון מגן דוד שטעהט איצט דער צלם און וואו דער רב איז אמאל גע־שטאנען, שטעהט איצט דער גלח. צום שלום פון ארטיקעל פרעגט דער רעדאקטאר: „ווער זענען פארט געווען יענע אידען וואס האבען די שוהל אוועקגעווארפען און פארקויפט פאר א קלויסטער!

אז און פאר זיך מעג דאס טאקע זיין א „טרוי־עריגע" עראייגנים, אבער מיר מוזען דא זאגען אז, „כל מה דעבד רחמנא לטב עבד", ד. ה., אלעם וואס גאט טוט איז עס נור צום גוטען. אפשר וועלען די כלי קודש און סתם אידען איצט איינזעהן ווי טרוי־עריג עס איז אוועקצוווארפען און צו פארלאזען א אידיש אייגענטום און א הייליגטום, און עס לאזען אז אנדערע זאלען עס מיט די פיס טרעטען.

ברויך מען נאך א גרעסער אידיש אייגענטום, א גרעסער נאציאנאלעם הייליגטום ווי ישוע המשיח איז? לויט ירמיה כ"ג איז ער דער „צמח דוד" וואס הייסט „ד' צדקנו", לויט ישעיה ט' איז ער דער „בן דוד" וואס הייסט „אל גבור". לויט תהלים ב' איז ער דער „בן אלהים" איבער וועלכען גאט זאגט „אשרי כל חוסי בו". לויט דברים י"ח איז ער דער „נביא כמשה" איבער וועלכען גאט זאגט אונז אז „אליו תשמעון". איא ער איז א היי־


Entered as second class matter April 14, 1922, at the Post Office at Brooklyn, N. Y., Under the Act of March 1, 1927
Published Monthly, except bi-monthly during July and August by the Williamsburg Mission to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.